

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון **יהדות**, **השקפה**, **עצות**, **און נאך**, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פרשת אמור
תשע"ח לפ"ק
גליון ט"ב

## שאלה

## איז עס אויסגעהאלטן צו גיין אין קאלעדזש כדי צו קענען מאכן א פרנסה?

### ענטפער:

איך גיי נישט פסק'ענען קיין שאלות. אבער איך וועל דיר בלויז זאגן דאס. איך האב לעצטנס געדארפט גיין צו ברוקלין-קאלעדזש. איך בין אהינגעגאנגען צו העלפן פראטעסטירן קעגן מאכן א האומלעס-שעלטער אין אונזער שכינות. עס איז געווען א געמיינדע-פראטעסט צאמקום און עס איז אפגעהאלטן געווארן אין ברוקלין-קאלעדזש.

אזוי ווי איך בין אריינגעגאנגען, האב איך געשמעקט א שרעקליכע גערוך. דאס פלאץ האט פשוט א ריח רע. עס שטינקט! די גאנצע קאלעדזש האט געשטינקען. עס שמעקט שלעכט. דו דארפסט באמת האבן א גאז-מאסקע ווען דו גייסט אריין אין א קאלעדזש. עס איז נישט דא קיין פלאץ אין אמעריקע וואס שטינקט אזוי געפערליך ווי א קאלעדזש. אויב גייסטו אויף א באזוך צו די מאפיא, א מאפיא-גרוב איז פערפיום אין פארגלייך צו א קאלעדזש. איך מיין עס ערנסט. איך בין נישט מגזם.

און דערפאר, אויב א מענטש דארף גיין אין קאלעדזש; לאמיר זאגן ער איז א פלאמבער, און ער גייט אריין אין א קאלעדזש צו פארעכטן די פלאמבינג, דארף ער אריינגיין. ער קען זיך נישט העלפן; דאס איז זיין פרנסה. איז זאל ער זיך אנהאלטן די נאז און אריינגיין. ער דארף דאך אריינגיין; וואס קען ער שוין טון?

אבער צו גיין דארט לכתחילה און זיך ערלויבן צו ווערן איינגעטינקען אין זייער טוילעט, דאס איז א גאנץ אנדערע מעשה. קוק, אויב ביזטו גרייט צו ווערן איינגעטינקען אין זייער טוילעט פאר פרנסה, זאג איך דיר נישט וואס צו טון. גיי צו דיין רב – ער קען דיר בעסער. זאל ער פסק'ענען פאר דיר. איך וואלט דאס נישט גע'פסק'ענט. איך זאל פסק'ענען פאר דיר צו דו זאלסט איינטינקען דיין קאפ אין א פולע טוילעט פאר פרנסה? עס איז צופיל, אז איך זאל דיר דאס קענען זאגן!

## שאלה

## וויאזוי קען איך ארבעטן אויף א שטאפל-ביי-שטאפל פראגראם צו צעברעכן די מדה פון גאוה?

### ענטפער:

דאס פארלאנגט נישט בלויז איין שיעור, נאר אסאך שיעורים. אבער איך וועל דיר זאגן שנעל. אויב א מענטש איז א בעל גאוה, דאן כדי צו בייקומען די גאוה, וואלט געהאלפן אז ער זאל שפענדן צייט יעדן טאג צו שטודירן די גוטע אייגנשאפטן פון אנדערע מענטשן.

דאס איז וואס דו דארפסט טון. נעם איין מענטש אויף אמאל, און זעה דאס גוטס אין אים. אנהייב איז עס נישט אזוי גרינג, ווייל דו ביזט בלינד פון זעהן גוטע זאכן אין אנדערע מענטשן. אודאי; ווייל נאר דו האסט גוטע מדות... דו ביזט בלויז באוואסטזיניג אין דיינע אייגענע מעלות, דיינע אייגענע גוטע קוואליטעטן. אבער אויב ביזטו גרייט צו טראכטן אביסל, נאך א ווילע וועסטו אנהייבן צו זעהן אז דו ביזט נישט דער איינציגער צדיק אויף דער וועלט – אנדערע מענטשן זענען אויך פול מיט גוטע זאכן. און צוביסלעך וועסטו אנהייבן זיך שפירן גלייך מיט אנדערע מענטשן. אפשר וועט זיך עס אפילו ענדיגן מיט'ן זיך שפירן וויניגער פון אסאך מענטשן.

קוק וויפיל גוטע מענטשן עס זענען דא, וועלכע זענען זיך מוסר נפש, זיי געבן זיך איבער ביז אן עקסטרעם, מיט די מצוה פון צדקה.

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

דא איז דא א פרוי וואס האט מיר דערציילט אז איין טאג האט זי נישט גוט געפילט, זי קומט אהיים און זי טרעפט זעקס משולחים פון ארץ ישראל אין איר הויז, ווארטענדיג פאר נאכטמאל! 6 צדקה-זאמלער דארפן צו עסן. זי איז שוואך, זי פילט נישט גוט, און זי איז געגאנגען און צוגעגרייט נאכטמאל פאר די זעקס משולחים!

איך האב געשפירט ווי איך פאל אראפ אויף דער ערד פארנט פון איר. איך האב געפילט בענוה. א מענטש זאל צוגרייטן נאכטמאל פאר 6 פרעמדע מענטשן, וועלכע זענען אריינגעקומען צו איר שטוב אן אפילו אנרופן פארדעם?! עס איז מערקווירדיג! די פרוי האט צען עקסטערע בעטן אין איר הויז. ס'איז נישט קיין גרויסע הויז, אבער זיי האבן באזונדערע בעטן פאר מענטשן וואס דארפן עס. איך פארשטיי דאס נישט! ס'איז אומגלויבליך! א שטילע מענטש; איר נאמען וואלט געדארפט זיין אין די העדליינס פון די צייטונגען! צען עקסטערע בעטן אין זייער הויז פאר מענטשן צו קומען שלאפן. און ס'איז א שטילע, באשיידענע, אידישע היים. און יעצט ווייסטו ווי אומוויכטיג דו ביזט אין פארגלייך צו זיי. דו דארפסט נישט זיין באזארגט וועגן גאוה, ווייל דו האסט גארנישט מיט וואס זיך גרויס צו האלטן. זי איז נישט בארימט, קיינער ווייסט נישט וועגן איר. עס איז מערקווירדיג!

ווען דו הייבסט אן צו שטודירן מענטשן, וועסטו זיין ערשטוינט מיט וואס זיי טוען. דא איז אן עלטערער מענטש, א שטילע עלטערע מענטש. ער וואקט אביסל איינגעבויגן, ער זעהט אויס צו זיין א באשיידענער מענטש. צו ווייסטו וויפיל טויזנטער דאלארן ער שיקט צו ארימע תלמידי חכמים אין ארץ ישראל?! איך בין געוועזן ערשטוינט ווען איך האב אים געטראפן. טויזנטער און טויזנטער דאלארן! ער שטיצט פילע משפחות מיט אסאך קינדער. און קיינער ווייסט נישט וועגן אים.

איז ווען דו הייבסט אן צו באטראכטן מענטשן, וועסטו זיין ערשטוינט פון די גוטע מעלות פון מענטשן. און צוביסלעך וועט די גאוה אנהייבן אויסצורינען פון דיר. דאס איז איינס פון די וועגן איבערצוקומען גאוה – דורכ'ן זיך קאנצענטרירן אויף די גוטס פון אנדערע.

## שאלה

### בין איך מחויב צו זאגן די תפלה "הרינו מוחל" בעפאר קריאת שמע שעל המטה, אז איך בין מוחל יעדן וואס האט מיר וויי-געטון?

## ענטפער:

דו ביזט נישט מחויב, אבער אויב דו ווילסט עס טון, איז עס א גוטע געשעפט. עס איז א גוטע געשעפט-געלעגנהייט. אזוי ווי די גמרא זאגט "נושא עון ועובר על פשע". פארוואס וועט השי"ת זיין "נושא עון"? פאר וועם וועט דער אויבערשטער מוחל זיין די עבירות, פאר די וועלכע זענען "עובר על פשע" – זיי זענען וויליג צו פארגעבן אנדערע. אויב דו ביזט מוחל פאר די וועלכע האבן געזינדיגט קעגן דיר, וועט דער אויבערשטער דיר אויך מוחל זיין דיינע זינד.

עס צאלט זיך אויס. אויב דו ווילסט נישט, מוזטו נישט. אבער עס איז א גוט געשעפט. איז עס צאלט זיך אויס. עס לוינט עס צו זאגן. אבער דו מוזט עס מיינען ערנסט. דו מוזט אריינלייגן מחשבה אין דעם. סתם צו באמבלען די ווערטער ווייל עס שטייט אין סידור, וועט דיר גארנישט ברענגען. דו דארפסט אריינטראכטן וואס דו זאגסט. טראכט וועגן דעם שכן אדער מיטארבעטער וואס האט דיר וויי-געטון און זיי אים מוחל. אבער צו דו ביזט מחויב עס צו זאגן? ניין, דו ביזט נישט מחויב.

## שאלה

### מעג א בן תורה זוכן פאר א שידוך א מיידל מיט געלט?

## ענטפער:

און דער ענטפער איז אז אויב זי האט אלעס איוסערדעם, דאן פארוואס נישט? אויב איז דא צווי מיידלעך, איינס מיט געלט און איינס אן, און ביידע זענען די זעלבע, דאן נאטורליך איז געלט וויכטיג. פארוואס נישט? עס איז גארנישט שלעכט מיט געלט. איז האבן געלט אן עבירה?! עס איז גארנישט שלעכט מיט געלט.

אבער לאמיר זאגן דו האסט א גוטע מיידל, א מיידל אן געלט. און די אנדערע איז נישט אזוי גוט, אבער זי האט געלט. דאן איז עס נאריש. געלט מיינט גארנישט אין פארגלייך צו מדות טובות.

די שאלה איז באמת וויפיל זאלסטו זיין וויליג אוועקצוקוקן פון מדות פאר געלט? איך קען דיר דאס נישט זאגן. עס איז נישט גרינג אפצושאצן. אסאך מאל, איז איינער זייער גוט און האט גארנישט קיין געלט, און די אנדערע איז כמעט אזוי גוט און האט אויך געלט. דאן וועסטו דארפן פרעגן א תלמיד חכם וואס די הכרעה זאל זיין, און וואס דו זאלסט טון אין דיין ספעציפישע פאל.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות